**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/28/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט באדייטנדע פארשריט אין די סטעיט'ס קאמף קעגן רעוואלווער פארברעכן**

***ניו יארק האט געהאט די נידעריגסטע הייסע-געווער מארד ראטע צווישן די לאנד'ס 10 גרעסטע סטעיטס אין 2021; לעצטע יאר האט ניו יארק סיטי געהאט די דריט-נידעריגסטע צאל מארדן צווישן די לאנד'ס 20 גרעסטע שטעט***

***צוואנציג פאליציי דעפארטמענטס וועלכע באטייליגן זיך אין סטעיט'ס רעוואלווער-פארמישטע געוואלדטאטן עלימינאציע (GIVE) איניציאטיוו האבן באריכטעט 50 שיסעריי אינצידענטן מיט פארוואונדעטע אין יאנואר 2023, וויניגסטע זינט די אנהויב פון די פאנדעמיע אין מערץ 2020***

***ניו יארק סיטי האט באריכטעט 73 שיסערייען לעצטע חודש, וויניגסטע זינט מאי 2020***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט באדייטנדע פארשריט אין די סטעיט'ס קאמף קעגן רעוואלווער פארברעכן, מיט ניו יארק סיטי און קאמיוניטיס וועלכע באטייליגן זיך אין די סטעיט'ס רעוואלווער-פארמישטע געוואלדטאטן עלימינאציע (Gun Involved Violence Elimination, GIVE) איניציאטיוו באריכטנדיג לעצטע חודש די וויניגסטע שיסעריי אינצידענטן מיט פארוואונדעטע זינט די ערשטע האלב פון 2020. די 20 פאליציי דעפארטמענטס וועלכע באטייליגן זיך אין GIVE האבן באריכטעט 50 שיסעריי אינצידענטן מיט פארוואונדעטע אין יאנואר 2023, די וויניגסטע זינט מערץ 2020, אין די צייט וואס ניו יארק סיטי האט באריכטעט 73 אינצידענטן, די וויניגסטע זינט מאי 2020. גאווערנער האקול האט פארגעשטעלט די פארשריט ביי Northwell Health'ס פערטע יערליכע רעוואלווער פארברעכן פארמיידונג צוזאמקום.

"מיר מאכן גרויסע שריט אין די ריכטיגע ריכטונג, אבער די ציפערן זענען נאכאלץ צו הויך", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "יעדע איינציגע אינצידענט איז טראגיש, און יעדע שיסעריי טראגט מיט זיך אן אומשאצבארע מאס פון ווייטאג און שאדן צו די קורבנות און זייערע קאמיוניטיס. מיר מוזן פארזעצן צו אנקוקן און באהאנדלען רעוואלווער פארברעכן ווי די פובליק געזונטהייט קריזיס וואס עס איז, דורכן אידענטיפיצירן די מקור, אפשטעלן די פארשפרייטונג און עס באהאנדלען."

די ערשטיגע ציפערן פון די CDC פאר 2022 ווייזן אז ניו יארק האט געהאט די נידעריגסטע הייסע-געווער מארד ראטע צווישן די 10 גרעסטע סטעיטס אינעם לאנד אין 2021: 3.1 טויטפעלער פער 100,000 איינוואוינער — וויניגער פון האלב פון די נאציאנאלע דורכשניט פון 6.3 טויטפעלער פער 100,000 איינוואוינער. אויף אן ענליכן פארנעם האט ניו יארק סיטי רעקארדירט אין 2022 די דריט-נידעריגסטע צאל מארדן אינעם לאנד צווישן די גרעסטע 20 שטעט, שטייענדיג בלויז נאך סען האָזעי און סען דיעגאָ. און צום שלוס, קאמיוניטיס וועלכע באטייליגן זיך אין GIVE און ניו יארק סיטי האבן ביידע

געזעהן רעדוקציעס פון מער פון צען פראצענט אין שיסעריי אינצידענטן מיט פארוואונדעטע אין 2022 אין פארגלייך צו 2021: 17 פראצענט אין ניו יארק סיטי און 15 פראצענט אין GIVE יוריסדיקציעס.

געזעץ אינפארסירונג אגענטורן אריבער די סטעיט האבן קאנפיסקירט 10,093 רעוואלווערס לעצטע יאר — אן 11 פראצענטיגע וואוקס פון 2021 דורכאויס וועלכע 9,088 רעוואלווערס זענען קאנפיסקירט געווארן. רעוואלווער קאנפיסקירונגען דורך די ניו יארק סטעיט פאליציי זענען אויך ארויפגעגאנגען מיט 171 פראצענט אין פארגלייך צו די שטאפלען וואו זיי האבן געהאלטן בעפאר די פאנדעמיע: 1,429 אין 2022 אין פארגלייך צו 528 קאנפיסקירונגען אין 2019. סטעיט פאליציי האבן אויך קאנפיסקירט 120 אומרעגיסטרירטע 'גייסט' רעוואלווערס אין 2022, 85 פראצענט מער פון 2021.

אין דעם זעלבן צייט האט די סטעיט פארשטערקערט איר 'רויטע פאן' (Red Flag) געזעץ וואס האלט רעוואלווערס ארויס פון די הענט פון מענטשן וועלכע קענען זיין א סכנה פאר זיך אדער אנדערע. געריכטן האבן געהאט ארויסגעגעבן 1,308 'עקסטרעמע ריזיקע באשיצונג ארדערס' ( extreme risk protection orders, ERPO's) ביז סוף פון פעברואר 2022. אין די 11 חודשים זינט דאן – ביז יאנואר 2023 – האבן געריכטן ארויסגעגעבן א סך הכל פון 6,209 ERPO's.

גאווערנער האקול'ס עקזעקיוטיוו בודזשעט פינאנצירט א ברייטע פובליק זיכערהייט פלאן און אינוועסטירונגען צו אראפברענגען רעוואלווער פארברעכן און געוואלדטעטיגע פארברעכן נוצנדיג אויפגעוויזענע סטראטעגיעס וועלכע ארבעטן, אריינרעכענענדיג:

- פארברייטערן די סטעיט'ס פארברעכן אנאליז צענטער (Crime Analysis Center) נעטווארק צו ניו יארק סיטי, ברענגענדיג צו 11 די צאל צענטערן אין די נעטווארק וועלכע ווערן געשטיצט דורך די סטעיט אין שותפות מיט לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן.
- טאפלען פינאנצירונג פאר די GIVE איניציאטיוו צו 36 מיליאן דאלאר. GIVE שטיצט 20 פאליציי דעפארטמענטס אין 17 קאונטיס וועלכע זענען פאראנטווארטליך פאר מער פון 80 פראצענט פון ווילדע פארברעכנס וועלכע קומען פאר אין ניו יארק סטעיט אינדרויסן פון ניו יארק סיטי: אלבאני, ברוּם, שעטאַקווע, דאַטשעס, ערי, מאנראו, נעסאו, ניאגארא, אָניידע, אָנאָנדאַגאַ, אראנזש, רענסעליער, ראקלענד, סקענעקטעדי, סופאָלק, אָלסטער און וועסטשעסטער. דיסטריקט אטוירני אפיסעס, פּראָובעישען דעפארטמענטס, שעריף אפיסעס און אנדערע שותפים אין די קאונטיס באקומען אויך פינאנצירונג דורך די איניציאטיוו.
- פארשטערקערן סטעיט פאליציי שטיצע דורכן פארמערן קאמיוניטי סטאביליזאציע איינהייטן פון 16 צו 25 קאמיוניטיס, פינאנצירנדיג א פרעצעדענטלאזע פיר אקאדעמיע קלאסן און פארברייטערנדיג אנוועזנהייט אויף פעדעראלע איינהייטן.

דורך אן אייגנארטיגע שותפות צווישן די סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס ( Division of Criminal Justice Services, DCJS) און די פאראייניגטע שטאטן ביורא פון אלקאהאל, טאבאקא, הייסע וואפן און אויפרייס מאטעריאל ( Bureau of Alcohol, Tobacco, Firearms and Explosives, ATF), באקומען די סטעיט-געשטיצטע פארברעכן אנאליז צענטערן צוטריט צו די ATF'ס נאציאנאלע פאראייניגטע באליסטישע אינפארמאציע נעטווארק ( National Integrated Ballistic Information Network, NIBIN). ביז די זומער וועט יעדע צענטער האבן טעכנאלאגיע אויפן ארט צו קענען אונטערזוכן קוילן און אידענטיפיצירן פאטענציאלע ענליכקייטן פון אנדערע פארברעכן סצענעס אין מערערע יוריסדיקציעס ארום די סטעיט. די אונטערזוכונג פראצעדור פלעגט נעמען ביז אזוי לאנג ווי א חודש, אבער יעצט וועט עס נעמען בלויז 24 ביז 48 שעה, און עס איז אקוראט מיט א ראטע פון 99.6.

גאווערנער האקול'ס פארגעשלאגענע בודזשעט רעכנט אויך אריין קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס וועלכע אפפערן סערוויסעס, שטיצע און געלעגנהייטן פאר יוגענטליכע און פאר פאמיליעס, אריינרעכענענדיג א 25 מיליאן דאלארדיגע פארגעזעצטע אינוועסטירונג אין די סטעיט'ס SNUG גאסן 'קירוב' פראגראם.

SNUG פראגראמען האבן איינגעשטעלטע וועלכע ארבעטן מיט צענערלינגען און מיט יונגע ערוואקסענע צו אויפכאפן און לייזן מחלוקות'ן בעפאר זיי ווערן צו אנגעהייצט; רופן זיך אפ צו שיסערייען צו פארמיידן נקמה אקציעס דורך פארמיטלען און ארויסהעלפן פאמיליע מיטגלידער פון די וועלכע זענען פארוואונדעט אדער געהרג'עט געווארן; און גיבן הדרכה פאר יונגווארג וועלכע זענען פארמישט מיט דעם פראגראם צו אוועקשטעלן ציהלן און זיי פארבינדן מיט בילדונג (עדזשוקעישען) און דזשאב געלעגנהייטן, ווי אויך אנדערע סערוויסעס. די פראגראמען ארבעטן אויך מיט די קאמיוניטי, רעליגיעזע ארגאניזאציעס, גייסטליכע פירער און מיט ארטיגע ביזנעסער דורך ראליס, ספעציעלע געשעענישן און אנדערע קאמיוניטי צוזאמקומען.

סאָושעל וואָרקערס און קעיס מענעדזשערס ביי SNUG לאקאציעס שטעלן צו פאר די וועלכע זענען באטראפן געווארן פון רעוואלווער פארברעכן אדער אנדערע פארברעכנס אין די קאמיוניטיס קאונסעלינג וואס רעכנט זיך מיט די טראומע, שטיצע גרופעס, שתדלנות און הילף מיטן אריינגעבן קורבן פארגוטיגונג אפליקאציעס צו די סטעיט'ס אפיס פון קורבנות סערוויסעס (Office of Victim Services, OVS) און שיקן ווייטער צו באקומען אנדערע סערוויסעס, ווי עס ווערט געזעהן אז זיי דארפן עס; און אפפערן שטיצע און הדרכה פאר SNUG מאנשאפט מיטגלידער — פילע פון זיי האבן געהאט קאמפליצירטע ערפארונגען מיט טראומע.

זינט זי איז אריין אין אפיס האט גאווערנער האקול אונטערגענומען שריט צו פארשטערקערן ניו יארק סטעיט'ס רעוואלווער פארברעכן פארמיידונג געזעצן דורכן פארבאטן 'גייסט רעוואלווער', מאגאזינען מיט א גרויסע קאפאציטעט און שילדן און פאנצערן; פארברייטערן בעיל בארעכטיגונג פאר רעוואלווער פארברעכן; העכערן די עלטער צו קענען קויפן סעמי-אויטאמאטישע וואפן צו 21; און אוועקשטעלנדיג די ערשטע אינעם לאנד אן [אינטערסטעיט איינהייט אויף אומלעגאלע רעוואלווערס ( Interstate Task Force on Illegal Guns)](#) וואס וועט זיך טרעפן נאכאמאל אינמיטן מערץ, צווישן אנדערע איניציאטיוון.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418